קונטרס

# אמרי מנחם

דברי תורה וסיפורי קודש
מאת כבוד קדושת מרן
רבינו **אברהם מנחם מענדל וואגשאהל** זי"ע
**אדמו"ר משינאווא**

## תשא

גליון כ"ט - שנת תשפ"ד לפ"ק

· **אידיש** ·

יו"ל ע"י
מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
שינאווא

כל הזכויות שמורות

בס"ד

מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
שינאווא

מי שיש לו איזה הערות או הארות
נא לפנות אל המכון


יכולין להשאיר הודעה על הטעל. 845.459.5954

או לשלוח ע"י אימעיל
mechonshinova@gmail.com


**לקבלת הקונטרס מידי שבוע**
**נא לשלוח אימעיל עם הבקשה**
**MechonShinova@gmail.com**

## וַיְהִי כַּאֲשֶׁר קָרַב אֶל הַמַּחֲנֶה וַיַּרְא אֶת הָעֵגֶל וּמְחֹלֹת וַיִּחַר אַף מֹשֶׁה וַיַּשְׁלֵךְ מִיָּדָו אֶת הַלֻּחֹת וַיְשַׁבֵּר אֹתָם תַּחַת הָהָר.

**א)** דער **חזקוני** פרעגט א שטארקע קושיא: פארוואס האט משה רבינו געווארט ביז ער איז אראפגעקומען אונטן און געזען דעם עגל ומחולות, דער אייבערשטער האט דאך אים שוין געזאגט זייענדיג אויבן אויפן בארג: "כי שחת עמך וגו' עשו להם עגל מסכה", נו, וואלט ער בכלל נישט געדארפט אראפברענגען די לוחות?

**ב)** אויך קען מען מדייק זיין דעם שינוי לשון, וואס קודם שטייט (לב, טו): "**וַיִּפֶן וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן הָהָר וּשְׁנֵי לֻחֹת הָעֵדֻת בְּיָדוֹ**" - א לשון יחיד, אז ער האט געהאלטן די לוחות אין **איין** האנט, און שפעטער שטייט 'וישלך מידיו' - א לשון רבים, אז ער האט עס אראפגעווארפן פון **ביידע** הענט. און אין פרשת ואתחנן שטייט עס ארויס נאך קלארער (דברים ט, יז): "**וָאֶתְפֹּשׂ בִּשְׁנֵי הַלֻּחֹת וָאַשְׁלִכֵם מֵעַל שְׁתֵּי יָדָי וָאֲשַׁבְּרֵם לְעֵינֵיכֶם**" - איך האב אנגעכאפט די ביידע לוחות און עס אראפגעווארפן פון מיינע ביידע הענט. דארף מען פארשטיין, וואס איז דער ענין פונעם שינוי לשון?

**ג)** אויך דארף מען פארשטיין דעם לשון אין פרשת ואתחנן '**ואתפוש**' - איך האב אנגעכאפט. לכאורה איז דאס אן איבריגווארט, ווייל ער האט דאך עס שוין געהאלטן פון פריער, ער וואלט נאר געדארפט זאגן 'ואשליכם מעל שתי ידי' - איך האב עס אראפגעווארפן פון מיינע הענט?

**ד)** די גמרא זאגט (שבת פז.): "**מאי דריש, אמר ומה פסח שהוא אחד מתרי"ג מצות אמרה תורה וכל בן נכר לא יאכל בו, התורה כולה וישראל מומרים על אחת כמה וכמה**" - משה רבינו האט געמאכט א קל וחומר, מה-דאך קרבן פסח וועלכע איז נאר איין מצוה, זאגט די תורה אז א 'בן נכר' איז אסור צו עסן דערפון, איז דאך אודאי אז די גאנצע תורה, טאר מען אודאי נישט געבן פאר אידן וועלכע זענען מומרים. קומט דאך אויס, אז שבירת הלוחות איז נאר געווען וויבאלד אידן זענען נישט געווען ראוי דערצו. אבער אויב אזוי, דארף מען פארשטיין די פסוקים אין פרשת וזאת הברכה, וואס די תורה ענדיגט זיך (דברים לד, י): "**וְלֹא קָם נָבִיא עוֹד בְּיִשְׂרָאֵל כְּמֹשֶׁה**

**וגו' לְכָל הָאֹתֹת וְהַמּוֹפְתִים אֲשֶׁר שְׁלָחוֹ ה' לַעֲשׂוֹת בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם וגו' וּלְכֹל הַיָּד הַחֲזָקָה וּלְכֹל הַמּוֹרָא הַגָּדוֹל אֲשֶׁר עָשָׂה מֹשֶׁה לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל"** - די תורה לויבט אויס משה, אז דער אייבערשטער האט אים געשיקט צו טון די אלע אותות און מופתים ביי יציאת מצרים, און אלע אנדערע מורא'דיגע זאכן וואס משה האט געטון פארנט פון אידישע קינדער. זאגט רש"י: **"לעיני כל ישראל - שנשאו לבו לשבור הלוחות לעיניהם שנאמר ואשברם לעיניכם"** - דאס גייט ארויף אויף שבירת הלוחות וואס משה האט געטון פארנט פון אידישע קינדער. לכאורה, אויב די תורה לויבט אים אזוי שטארק אויס אויף דעם ענין פון שבירת הלוחות, און נאכדערצו, אז ער שטעלט עס צוזאם מיט אלע אותות ומופתים וועלכע האבן אריינגעברענגט די אמונה אין אידישע הערצער, זעט דאך עפעס אויס, אז דער שבירת הלוחות האט אויך אריינגעברענגט עפעס א השגה אין אידישע הערצער. דארף מען פארשטיין, וואס איז דער לימוד פון שבירת הלוחות?

**ה)** אויך דארף מען פארשטיין דעם דגוש פון **'לעיניהם'** וועלכע ווערט איבערגע'חזר'ט סיי דא אין פרשת כי תשא, סיי אין פרשת ואתחנן - **'לעיניכם'** און סיי אין פרשת וזאת הברכה - **'לעיני כל ישראל'**. אויב איז די גאנצע שבירת הלוחות געווען בלויז, כדי די מומרים זאלן נישט באקומען די לוחות, נו וואס איז דען די נפקא מינה צי זיי זעען ווי מען צוברעכט עס, אדער זיי זעען נישט?

**ו)** אויך דארף מען פארשטיין: פארוואס איז די תורה מדגיש, אז חוץ פון דעם עגל האט משה רבינו אויך געזען די 'מחולות', לכאורה איז דאך דארט געווען נאך אסאך ערגערע זאכן ווי 'טענץ'; ווי רש"י זאגט (שמות לב, ו): אז עס איז דארט געווען 'גילוי עריות' און 'שפיכות דמים', נו, פארוואס כאפט ער אָן פונקט די 'מחולות'?

**ז)** די גמרא זאגט (מגילה טז.): **"אומה זו משולה לעפר ומשולה לכוכבים כשהן יורדין יורדין עד עפר וכשהן עולין עולין עד לכוכבים"** - אידישע קינדער זענען צוגעגליכן סיי צו דער ערד און סיי צו די שטערן, ווייל ווען זיי גייען אויף אראפ - גייען זיי ביז צו דער ערד, און ווען זיי גייען אויף ארויף - גייען זיי ביז צו די שטערן פון הימל. לכאורה דארף מען פארשטיין דעם ענין, פארוואס טאקע גייט עס אויף דעם אופן? פארוואס קען נישט א איד ארויפגיין אביסל און זיך

אפשטעלן, אדער פארקערט, אראפגיין אביסל און זיך אפשטעלן, פארוואס מוז ער גיין ביזן סוף?

דינען דעם אייבערשטן מיט "אלע" מדות

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. עס איז באקאנט פון אלע ספרים, אז א איד דארף דינען דעם אייבערשטן - נישט בלויז מייט איין געוויסע מדה, נאר דינען דעם אייבערשטען מיט "אלע" מדות, דאס הייסט, מען דארף טרעפן אין 'יעדע' מדה, א וועג וויאזוי מען קען דינען דעם אייבערשטן מיט דעם. ווייל אויב א איד לאזט אויס איין מדה, וואס ער דינט נישט דעם אייבערשטן מיט דעם, קען חלילה זיין, אז דער בעל דבר וועט דאס אויסנוצן און ער וועט אים ווייזן דעם 'צד הרע' פון דער מדה רחמנא ליצלן, און ער וועט נישט האבן קיין כוחות עומד צו זיין קעגן אים, וויבאלד ער האט קיינמאל נישט מגלה געווען דעם 'צד הטוב' פון דער מדה. דעריבער דארף א מענטש דינען דעם אייבערשטן מיט יעדע מדה וואס עס איז נאר פארהאן; ווי עס ווערט אויסגעשמועסט אין די ספרי מוסר יעדע מדה בפרטיות - וויאזוי מען דינט דעם אייבערשטן דערמיט.

ביי מתן תורה טרעפט מען נישט קיין 'שמחה'

**ביי** מתן תורה טרעפט מען, אז אידן האבן געהאט א געוואלדיגן יראה און פחד; ווי עס שטייט די לשונות אין די פסוקים (שמות יט, טז): "וַיֶּחֱרַד כָּל הָעָם אֲשֶׁר בַּמַּחֲנֶה", (שמות כ, טו): "וַיַּרְא הָעָם וַיָּנֻעוּ וַיַּעַמְדוּ מֵרָחֹק" - אידן זענען געווען אין א געוואלדיגע יראה פונעם התגלות וואס זיי האבן געזען ביים מעמד הנבחר. אבער איין זאך האט געפעלט: די מדה פון 'שמחה'! מען געפונט נישט אין די פסוקים, אז אידן זענען געווען פרייליך ביי קבלת התורה.

דערפאר זענען אידן דורכגעפאלן מיט די 'מחולות'

**וויבאלד** אידן האבן נישט גענוצט די מדה פון שמחה אויף עבודת ה', דעריבער האט דער בעל דבר דאס אויסגענוצט, און ווען עס איז געקומען צום חטא המדבר האט ער זיי אריינגעברענגט די מדה פון שמחה; ווי עס שטייט אין פסוק (שמות לב, יט): "וַיַּרְא אֶת הָעֵגֶל וּמְחֹלֹת" - זיי האבן געטאנצן און זיך געפריידט! און וויבאלד דאס האט געפעלט פריער ביי מתן תורה, דעריבער האבן אידן נישט

געהאט דעם כח זיך קעגן צו שטעלן קעגן דעם גרויסן פיתוי היצר, און זיי זענען נעבעך נמשך געווארן נאך דער שמחה און הוללות פון **יענע** זייט.

###### זיי האבן געוואלט מתקן זיין די שמחה

**אידן** ווילן דאך אבער זיין גוט, און זיי האבן געוואוסט ביי זיך, אז דער גאנצער זאך וויאזוי עס איז דא געלונגען פארן בעל דבר זיי צו צורעדן צו דעם חטא, איז נאר וויבאלד עס האט געפעלט די שמחה אין דער קדושה. דערפאר ווי נאר זיי האבן געזען ווי משה רבינו קומט אראפ מיט די לוחות, זענען זיי באלד צוגעלאפן צו אים, און האבן געוואלט נעמען די לוחות און אנהייבן טאנצן דערמיט! כדי אריינצוברענגען די שמחה 'אויך' אינעם צד הקדושה.

###### דער בעל דבר האט געוואלט מאכן אן 'עירוב טוב ורע'

**אבער** אינ'אמת'ן איז דאס אליינס אויך געווען א מעשה בעל דבר, וואס ער האט זיי איינגערעדט אז מיט דעם וואס זיי וועלן יעצט טאנצן מיט די לוחות - וועלן זיי פאררעכטן דעם חסרון וואס האט געפעלט פון שמחה דקדושה, און דורכדעם וועלן זיי זוכה זיין צו גאר הויכע מדרגות. אבער משה רבינו האט געוואוסט דעם אמת, אז ווילאנג דא איז דא א 'מסכה' און מען טאנצט מיט דער טומאה - קען מען נישט טאנצן **אויך** מיט דער קדושה! עס גייט נישט אינאיינעם! דער 'טוב' קען זיך נישט צוזאמשטעלן צוזאמען מיטן 'רע' אין איין טאנץ! עס איז אדער 'קדושה' אדער 'טומאה'! ווי עס שטייט ביי יעקב און עשיו (רש"י בראשית כה, כג): **"כשזה קם זה נופל"** - אויב מען טאנצט מיט דער מסכה, איז יעצט די קדושה בתכלית השפלות, און מען קען נישט אויסמישןביידע אינאיינעם.

###### משה האט עס אנגעכאפט שטארק – מען זאל עס נישט ארויסכאפן פון זיינע הענט

**ווען** דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה אז אידן האבן געזינדיגט, האט משה גענומען די לוחות מיטן פלאן, אז ער וועט עס זיי געבן שפעטער - נאכדעם וואס זיי וועלן תשובה טון אויף דעם חטא. און דערפאר האט ער עס אראפגעברענגט און געהאלטן אין איין האנט; ווי עס שטייט: **"וּשְׁנֵי לֻחֹת הָעֵדֻת בְּיָדוֹ"**. אבער ווי נאר אידן האבן געזען משה'ן מיט די לוחות, האבן זיי

געוואלט איבערנעמען די לוחות פון משה'ן און אנהייבן טאנצן דערמיט **צוזאמען** מיט דער מסכה. דערפאר האט עס שוין משה אנגעהאלטן מיטביידע הענט; ווי עס שטייט: **"מֵעַל שְׁתֵּי יָדָי"**, און דערפאר שטייט נאכמער: **"וָאֶתְפֹּשׂ בִּשְׁנֵי הַלֻּחֹת"** - משה רבינו האט עס אנגעכאפט שטארק און זיי נישט געלאזט עס ארויסשלעפן פון זיינע הענט. און וויבאלד משה רבינו האט געזען אז אידן מיינען אז 'טוב' מיט 'רע' קען גיין צוזאמען, דעריבער האט ער עס בדוקא אראפגעווארפן אויף דער ערד און צובראכן, כדי זיי זאלן דערהערן דעם וויכטיגן יסוד, אז די צוויי גייען נישט צוזאמען; ווי מען זאגט אין דער היינטיגער הפטורה (מלכים א יח, כא): **"אִם ה' הָאֱלֹקִים לְכוּ אַחֲרָיו וְאִם הַבַּעַל לְכוּ אַחֲרָיו"**. ווייל אויסצומישן קדושה מיט טומאה - איז נאך ערגער פון אלעם! און דערפאר האט משה רבינו נאכדעם געזאגט: **"מי לה' אלי"** - נאר דער וואס איז **בלויז** צום אייבערשטן, ער זאל קומען צו מיר, און נישט דער וואס וויל אויסמישן דעם אייבערשטן מיט - להבדיל - די עבודה זרה רחמנא ליצלן.

שבירת הלוחות איז געווען א לימוד לדורות – 'טוב' מיט 'רע' גייט נישט אינאיינעם

**דעריבער** איז די תורה מדגיש, אז ער האט צובראכן די לוחות 'לעיני כל ישראל' - פארנט פון זייערע אויגן, ווייל משה רבינו האט זיי מיט דעם אויסגעלערנט א גרויסן יסוד אינעם גאנצן ענין פון קבלת התורה, אז 'תורה' איז נאר - ווען עס איז **ריין** תורה! נישט ווען עס איז געמישטע זאכן, פון איין זייט פריצות און קלות, און פון צווייטן זייט עבודת ה', דאס גייט נישט אינאיינעם! קומט אויס, אז שבירת הלוחות איז דער השלמה פונעם גאנצן קבלת התורה, צו ווייזן דעם צוגאנג וויאזוי מען דארף צוגיין צו תורה. און דערפאר שטעלט עס די תורה צוזאם מיט די אלע מופתים און אותות וואס משה רבינו האט געמאכט ביי יציאת מצרים און מתן תורה, וויבאלד דאס איז אויך געווען א יסוד אין קבלת התורה.



**די** גמרא זאגט (ע"ז ד:): **"לא היו ישראל ראוין לאותו מעשה אלא להורות תשובה לרבים"** - אידן זענען נישט געווען ראוי צו דעם חטא, נאר עס איז געשען כדי אויסצולערנען אז אפילו א רבים וואס האט געזינדיגט קען תשובה טון. לויט ווי מען רעדט, קען זיין דער פשט פון 'להורות תשובה', אז דער חטא איז געקומען אויסלערנען,

אז מען מוז **קודם** תשובה טון אויפן חטא, און ערשט **נאכדעם** קען מען ארבעטן אויף שמחה דקדושה, און נישט אנהייבן צו טאנצן מיט די לוחות בשעת ווען מען האלט נאך אינמיטן זינדיגן, ווייל מען טאר נישט אויסמישן די צוויי זאכן. און דאס מיינט 'לרבים' - צו ווייזן פאר אלע קומענדיגע דורות אז 'טוב' מיט 'רע' גייט נישט צוזאמען.

בײ א איד איז נישטא קיין מצב פון 'אינמיטן'

**דאס** קען זיין דער פשט: **"כשהן יורדין יורדין עד עפר וכשהן עולין עולין עד לכוכבים"** - ביי אידן איז נישטא קיין מצב פון 'ביידע' און 'אינמיטן', ווייל דאס מיינט דאך, אז מען מישט אויס קדושה מיט טומאה רחמנא ליצלן, נאר עס איז אדער הויך ביזן הימל, דאס הייסט ריין קדושה וטהרה, אדער נידריג ביז צו דער ערד. אבער ביידע צוזאמען, צו טאנצן סיי דא און סיי דא - דאס קען נישט זיין.

שבירת הלוחות האט אריינגעברענגט א 'שמחה דקדושה'

**מען** קען צוליגן נאכמער, אז משה רבינו האט צובראכן די לוחות, טאקע דערפאר, כדי אריינצוברענגען די שמחה מצד הקדושה. ווייל אינ'אמת'ן, ווילאנג א איד איז נישט קלאר, אז 'טוב' מיט 'רע' קענען נישט גיין צוזאמען, איז ער אלעמאל **מלא ספיקות**, ווייל ער וויל האבן ביידע וועלטן, סיי קדושה און סיי די אנדערע זייט, און דאס '**צומישעניש**' איז א ביטערע זאך און א גרויסן צער פאר א איד, א בחינה פון "אוי לי מיוצרי אוי לי מיצרי" (ברכות סא.). אבער דורכדעם וואס משה רבינו האט צובראכן די לוחות און אויסגערופן קלאר דעם דרך ה': עס גייט נישט צוזאמען! אויב מען וויל זיין א איד - מוז מען זיין ריין ריין קדושה! איז דורכדעם געווארן א 'התרת הספיקות', אז מען קען נישט מער מסופק זיין צי מען מעג דאס טון אדער יענץ טון, ווייל עס איז קלאר אז מען דארף זיין אינגאנצן ריין. און עס איז דאך באקאנט דער מאמר (מצו"ד משלי טו, ל): **"אין שמחה כהתרת הספיקות"** - עס איז נישטא נאך אזא שמחה ביי א מענטש, ווי בשעת ווען זיינע ספיקות ווערן אים אויסגעקלארט. ממילא, וויבאלד משה האט געזען די 'מחולות', אז זיי האבן דא א שמחה פון יענע זייט, און אין דער זעלבע צייט ווילן זיי 'אויך' טאנצן מיט די לוחות, האט ער געוואלט אריינברענגען אין זיי א 'שמחה דקדושה', דעריבער האט ער צובראכן

די לוחות, צו ווייזן אז עס גייט נישט צוזאמען, און דורכדעם זענען זיי געקומען צו 'התרת הספיקות', וואס דאס איז די גרעסטע שמחה.

## דברי כיבושין

**מען** קען אפשר זאגן, אז דאס איז געווען בפשטות די הצלחה פונעם רבי'ן זכרונו לברכה דא אין אמעריקע, וואס ער האט אזוי מורא'דיג מצליח געווען אוועקצושטעלן אידישקייט. דאס איז אלעס ווייל ער האט גארנישט געמישט! עס זענען געווען רבים וטובים וועלכע האבן געמיינט, אז מען קען האַלבירן, און מאכן האלב אזוי און האלב אזוי, **דאס** וועט מען מתיר זיין האלבוועגס און **דאס** וועט מען אביסל פארדרייען, און ממילא וועט מען זיך שוין אביסל צוזאמקומען מיט די אמעריקאנער אידן, און אזוי ארום משפיע זיין אידישקייט פאר די מאדערנע קרייזן. אבער עס האט נישט געארבעט. ווייל מיט **דעם** קען מען נישט מצליח זיין, ווייל נאר דער דרך האמת וועלכע איז ריין קדושה און איז בלויז די מסורה פון אונזערע אבות - נאר דאס איז מצליח.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן, אז די הייליגע אדר טעג וואס זענען ימי שמחה, זאלן קומען לחיים ולשלום, אידן זאל האבן שמחה ונחת ברוחניות ובגשמיות, אידן זאלן געהאלפן ווערן, און דערהויבן ווערן, און דערלאכטן ווערן, און מיר זאלן זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו אמן.

# וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה לֵךְ עֲלֵה מִזֶּה וגו' וְשָׁלַחְתִּי לְפָנֶיךָ מַלְאָךְ וגו' כִּי לֹא אֶעֱלֶה בְּקִרְבְּךָ כִּי עַם קְשֵׁה עֹרֶף אַתָּה וגו' רֶגַע אֶחָד אֶעֱלֶה בְקִרְבְּךָ וְכִלִּיתִיךָ.

**רש"י** זאגט: **"אם אעלה בקרבך ואתם ממרים בי בקשיות ערפכם, אזעום עליכם רגע אחד וכו' ואכלה אתכם, לפיכך טוב לכם שאשלח מלאך"** - דער אייבערשטער האט געזאגט אז ער וועט שיקן א מלאך מיט אידן, ווייל אויב כביכול גייט אליינס מיט זיי, און זיי זינדיגן פאר אים, וועט ער זיי חלילה פארלענדן אין איין רגע, דערפאר איז בעסער פאר אידן אז בלויז א מלאך גייט מיט זיי.

**א)** לכאורה איז דער פסוק א סתירה מיטן פסוק אין פרשת משפטים (שמות כג, כא): **"הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ מַלְאָךְ לְפָנֶיךָ וגו' הִשָּׁמֶר מִפָּנָיו וּשְׁמַע בְּקֹלוֹ אַל תַּמֵּר בּוֹ כִּי לֹא יִשָּׂא לְפִשְׁעֲכֶם"** - עטץ זאלט נישט ווידערשפעניגן אינעם מלאך, ווייל ער וועט אייך נישט מוחל זיין. און ווי דער ספורנו זאגט דארט: **"ואין לאל ידו למחול על כבודי"** - ער האט נישט דעם כח מוחל צו זיין אויף מיין כבוד. נו, קומט דאך אויס פון דארט, אז עס איז בעסער ווען דער אייבערשטער אליינס גייט מיט די אידן, ווייל נאר ער קען מוחל זיין אויף זיין כבוד, און דא שטייט פארקערט, אז עס איז בעסער ווען דער מלאך גייט מיט זיי?

**ב)** ווייטער שטייט: **"וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל ה' רְאֵה אַתָּה אֹמֵר אֵלַי הַעַל אֶת הָעָם הַזֶּה וְאַתָּה לֹא הוֹדַעְתַּנִי אֵת אֲשֶׁר תִּשְׁלַח עִמִּי"** - משה רבינו זאגט צום אייבערשטן: דו הייסט מיר טראגן די אידן קיין ארץ ישראל, און דו זאגסט מיר נישט ווען דו וועסט מיטשיקן מיט מיר? איז רש"י מסביר, אז כאטש דער אייבערשטער האט דאך אים געזאגט, אז ער וועט מיטשיקן א מלאך, זאגט רש"י א מורא'דיג לשון: **"אין זו הודעה שאין אני חפץ בה"** - דאס הייסט נישט געזאגט! ווייל איך בין נישט מסכים צו דעם אז א מלאך זאל מיטקומען, נאר איך וויל אז **דו** אליינס זאלסט אונז פירן. לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס האט אזוי שטארק געארט פאר משה רבינו, אז א מלאך וועט מיטקומען? און בפרט, נאכדעם וואס דער אייבערשטער אליינס האט דאך אים געזאגט די סיבה - אז עס לוינט נישט פאר די אידן אז ער אליין זאל מיטקומען, כדי עס זאל נישט געשען קיין כליה חלילה,

נו, פארוואס האט משה רבינו נישט חושש געווען דערצו אז אויב אידן וועלן חלילה זינדיגן וועט ר"ל זיין א שרעקליכער מצב?

**ג)** ווייטער שטייט: "**וּרְאֵה כִּי עַמְּךָ הַגּוֹי הַזֶּה**". זאגט רש"י: "**שלא תאמר ואעשה אותך לגוי גדול ואת אלה תעזוב**" - משה רבינו זאגט צום אייבערשטן: דו זאלסט נישט זאגן, אז דו וועסט **מיר** מאכן א גרויס פאלק, און **זיי** וועסטו אפלאזן, נאר דו זאלסט וויסן אז דאס איז דיין פאלק. לכאורה איז זייער שווער, מען האלט דאך שוין דא נאכדעם וואס משה האט גע'פועל'ט א סליחה ביים אייבערשטן; ווי עס שטייט אויבן: "**וַיִּנָּחֶם ה' עַל הָרָעָה אֲשֶׁר דִּבֶּר לַעֲשׂוֹת לְעַמּוֹ**", נו, פארוואס זאל עפעס דער אייבערשטער **יעצט** אפלאזן דעם כלל ישראל, אז ער דארף יעצט מתפלל זיין אויף דעם?

**ד)** ווייטער שטייט: "**וַיֹּאמַר פָּנַי יֵלֵכוּ וַהֲנִחֹתִי לָךְ**" - דער אייבערשטער האט געזאגט, איך וועל מיטגיין מיט ענק, און מיט דעם וועל איך דיר צוליב טון. האט משה רבינו צוריק געזאגט: "**אִם אֵין פָּנֶיךָ הֹלְכִים אַל תַּעֲלֵנוּ מִזֶּה**" - אויב דו קומסט נישט מיט אונז, זאלסטו אונז נישט ארויפנעמען פון דא קיין ארץ ישראל. פרעגט דער רמב"ן: דער אייבערשטער האט דאך שוין מסכים געווען מיטצוגיין, נו, פארוואס זאגט ער יעצט נאכאמאל 'אויב דו קומסט נישט מיט'?

**ה)** ווייטער שטייט: "**וְנִפְלִינוּ אֲנִי וְעַמְּךָ מִכָּל הָעָם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה**" - מיר זאלן זיין אפגעשיידט פון אלע פעלקער, אז די שכינה זאל רוען נאר אויף אידן. פרעגט דער תפארת שלמה (בפרשתן): ווי קען זיין, אז דוקא נאך אזא גרויסן חטא האט משה רבינו גאר אנגעהויבן בעטן אויף אזעלכע הויכע מדרגות?

**ו)** דער מדרש זאגט (שמו"ר לב, א): "**הנה אנכי שולח מלאך הדא הוא דכתיב** (תהלים פב) **אני אמרתי אלהים אתם, אלו המתינו ישראל למשה ולא היו עושים אותו מעשה לא היתה גליות ולא מלאך המות שולט בהן וכו' הוי הנה אנכי שולח מלאך לפניך**" - טאמער וואלטן אידן געווארט אויף משה אז ער זאל אראפקומען פונעם בארג, וואלט דער מלאך המות נישט געהאט קיין שליטה אויף אידישע קינדער, אבער יעצט נאכן חטא, האט אים דער אייבערשטער צוריקגעגעבן די שליטה. לכאורה דארף מען פארשטיין, וואספארא שייכות האט

דער ענין פון 'מלאך המות' מיטן פשטות, וואס מען רעדט פון א מלאך וואס וועט באגלייטן די אידן קיין ארץ ישראל?

**ז)** דער מדרש זאגט (תנחומא תשא לא): **"הלוחות ראשונות על שנתנו בפומבי לפיכך שלטה בהם עין הרע ונשתברו וכאן אמר לו הקב"ה אין לך יפה מן הצניעות"** - די ערשטע לוחות האבן זיך צובראכן וויבאלד עס איז געווען א גרויסן פרסום, מה שאין כן די צווייטע איז שוין געווען בצנעא. בפשטות איז דער חסרון פון א פרסום, אז עס ברענגט אן 'עין הרע', אבער לכאורה איז שווער צו פארשטיין, אז בלויז צוליב עין הרע זאל ארויסקומען אזא גרויסער חטא פון א 'מסכה'?

**ח)** ביי מתן תורה שטייט (שמות יט, יב): **"הִשָּׁמְרוּ לָכֶם עֲלוֹת בָּהָר וּנְגֹעַ בְּקָצֵהוּ כָּל הַנֹּגֵעַ בָּהָר מוֹת יוּמָת לֹא תִגַּע בּוֹ יָד כִּי סָקוֹל יִסָּקֵל אוֹ יָרֹה יִיָּרֶה אִם בְּהֵמָה אִם אִישׁ לֹא יִחְיֶה"** - מען טאר נישט אנרירן דעם בארג, און אויב מען רירט עס אָן איז מען מחויב סקילה. לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס איז דאס אזוי הארב עד כדי כך אז עס קומט דערויף אזא הארבער עונש?

פון א הויך פלאץ קען מען גיכער אראפפאלן

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. די גמרא זאגט (יבמות קכא:): **"וסביביו נשערה מאד מלמד שהקדוש ברוך הוא מדקדק עם סביביו כחוט השערה"** - ווי נענטער א מענטש איז צום אייבערשטן, אלץ מער איז מען מדקדק מיט אים אויף יעדע מינדעסטע פגם. אויך זאגט די גמרא (סוכה נב.): **"כל הגדול מחבירו יצרו גדול ממנו"** - וואס גרעסער א מענטש איז - האט ער א גרעסערן יצר הרע. ממילא קומט אויס, אז צו זיין אויף א הויכע מדרגה - האט גרויסע חסרונות, ווייל מען קען אסאך שנעלער דורכפאלן - צוליב דעם גרויסן התגברות היצר, און אויך איז מען אסאך מער מדקדק מיטן מענטש אויף יעדן קליינעם חטא.

דער חטא העגל איז געקומען פון גרויסע – אבער קרומע – כוונות

**עס** קען אפשר זיין, אז דאס איז געווען די כונה פונעם מדרש, אז די 'לוחות הראשונות' איז געגעבן געווארן 'בפומבי'. דאס הייסט, עס איז געווען מיט אזא טראסק, אידן זענען געווען אזוי גרויס און

האבן משיג געווען אזעלכע גרויסע השגות, און טאקע דערפאר האט זיך דער 'יצרו גדול' מתגבר געווען אויף זיי אסאך שטארקער. און ווי די מפרשים זענען מסביר פארשידענע חשבונות און כוונות וואס אידן האבן געהאט מיטן מאכן דעם חטא. וואס דאס איז אלעס געקומען פון זייערע גרויסע השגות, וואס דורכדעם זענען זיי פארקראכן און אריינגעפאלן אין אזא קרומען טעות צו זאגן 'אלה אלהיך ישראל'. און טאקע פארדעם האט מען זיי אזויפיל מזהיר געווען פון פאראויס מיט דער מצוה פון 'הגבלה', אז מען זאל נישט קריכן צו הויך, ווייל מען קען פארקראכן ווערן און אריינפאלן אין מורא'דיגע טעותים. מה שאין כן, ביי די לוחות שניות, זענען שוין אידן נישט געווען אזוי הויך, ממילא איז דער 'יצרו גדול' אויך נישט געווען אזוי גרויס, ממילא האבן זיי שוין נישט געהאט אזא נסיון פון זוכן עפעס אנדערש פונעם פשוט'ן רצון ה', צו טון תורה און מצוות.

איך שיק א מלאך – כדי מען זאל נישט אזוי מדקדק זיין

**און** דערפאר האט דער אייבערשטער געזאגט: **"לֹא אֶעֱלֶה בְּקִרְבְּךָ"** - דו וועסט מער נישט זיין אזוי נאנט צו מיר, ווייל **"רֶגַע אֶחָד אֶעֱלֶה בְקִרְבְּךָ וְכִלִּיתִיךָ"** - אויב דו ביסט נאנט צו מיר, בין איך אסאך מער מדקדק אויף דיר, און אויך איז דא א שטארקע 'התגברות היצר', ממילא קען אסאך שנעלער געשען אז דו וועסט חלילה זינדיגן, און דעמאלט איז דער עונש געפערליך רחמנא ליצלן. דעריבער האט דער אייבערשטער געוואלט שיקן א מלאך, וואס כאטש ער קען טאקע נישט מוחל זיין - איז מען אבער נישט אזוי שטארק מדקדק אויף יעדע קלייניקייט, און עס איז אויך נישטא אזא שטארקע התגברות היצר, ממילא זענען אידן נישט אין אזא סכנה.

וויבאלד עטץ האט שוין געהאלטן ביים תיקון השלם – זענט עטץ דורכגעפאלן

**און** דאס זאגט טאקע דער מדרש: **הדא הוא דכתיב** (תהלים פב) **אני אמרתי אלהים אתם, אלו המתינו ישראל למשה ולא היו עושים אותו מעשה לא היתה גליות ולא מלאך המות שולט בהן"** - דער מדרש וויל מסביר זיין די סיבה, פארוואס דער אייבערשטער וויל מיטשיקן א מלאך, און נישט מיטקומען אליינס. ווייל פריער ווען עס איז געווען השראת השכינה ביי אייך און עטץ זענט געווען אין אזא הויכע מדרגה, עד כדי כך אז מען האט שוין כמעט געהאלטן ביים 'תיקון

השלם׳, ביי ׳חירות מגליות׳ און ׳חירות ממיתה׳, און מען האט בלויז געדארפטווארטן אויף משה, און דאך זענט עטץ דורכגעפאלן - טאקע צוליב דעם וואס איר זענט געווען אזוי הויך, און ׳כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו׳. דערפאר וועל איך שיקן א מלאך מיט ענק, וועט עטץ שוין נישט זיין אזוי הויך, ממילא וועט עטץ נישט האבן אזעלכע גרויסע נסיונות.

בײ גוים העלפט נישט קיין תשובה – ווייל ׳מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול׳

**דער** בני יששכר (מאמרי תשרי ד, כד) ברענגט פון ראשונים, אז די סיבה פארוואס עס העלפט נישט קיין תשובה ביי די אומות העולם איז, ווייל כלפי די גוים איז דער אייבערשטער בלויז א ׳מלך׳; ווי עס שטייט (תהלים מז, ט): ״מָלַךְ אֱלֹקִים עַל גּוֹיִם״, און די גמרא זאגט דאך (כתובות יז.): ״מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול״ - א קעניג קען נישט מוחל זיין אויף זיין כבוד, און דערפאר קענען זיי נישט תשובה טון און איבערבעטן דעם אייבערשטן. ווידער כלפי אידישע קינדער איז דער אייבערשטער א טאטע; ווי עס שטייט (דברים יד, א): ״בָּנִים אַתֶּם לַה׳ אֱלֹקֵיכֶם״, און די גמרא זאגט (קידושין לב.): ״אב שמחל על כבודו כבודו מחול״ - א טאטע קען יא מוחל זיין אויף זיין כבוד, און דעריבער קענען אידן תשובה טון און דער אייבערשטער איז מוחל זייערע עבירות.

די גוים זענען אונטער די מזלות – ווייל א ׳מלך׳ באנוצט זיך מיט ׳שרים׳

**עס** איז פארהאן נאך א חילוק צווישן די אומות העולם ביז כלל ישראל, אז די אומות העולם זענען אונטער די מזלות, אבער כלל ישראל איז נאר אונטער די הנהגה פונעם אייבערשטן אליינס; ווי די גמרא זאגט (שבת קנו.): ״אין מזל לישראל״, און דער בני יששכר (ניסן ד, ד) איז מסביר פשט דערין, אז אלע אומות העולם האבן א ׳שר׳ העכער זיי, אבער כלל ישראל איז בלויז אונטער דעם אייבערשטן אליינס - אָן קיין שום ממוצע אינצווישן. און די סיבה דערצו קען אויך זיין צוליב דעם חילוק צווישן ׳אב׳ און ׳מלך׳, אז אידן זענען ׳בנים למקום׳, און דערפאר גיבט זיך דער אייבערשטער אפ מיט זיי אליינס, ווי א טאטע צו קינדער. מה שאין כן די אומות העולם, זענען נישט קיין בנים, און דער אייבערשטער איז א ׳מלך׳ איבער זיי, און

דערפאר שטעלט ער א ׳שר׳ וואס זאל זיין ממונה אויף זיי, ווי א קעניג צו זיינע בירגער.

משה האט פארשטאנען אז אידן ווערן אויס ׳בנים למקום׳

**ווי** משה האט געהערט ווי דער אייבערשטער זאגט: ״**כִּי לֹא יִשָּׂא לְפִשְׁעֲכֶם**״ - עס וועט נישט העלפן קיין תשובה, ווייל דער מלאך וועט נישט קענען מוחל זיין אויף ענקערע חטאים. האט ער באלד פארשטאנען פון דעם, אז אידן וועלן דא פארלירן די נאנטקייט פון ׳בנים למקום׳, און זיי וועלן ווערן אזויווי אלע אומות העולם וואס דער אייבערשטער איז אויף זיי בלויז א ׳מלך׳, און דערפאר וועט זיי נישט העלפן קיין תשובה, ווייל ׳מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול׳. און אויך דערפאר שיקט ער זיי א מלאך, ווייל ער וויל נישט מער אליינס משפיע זיין פאר אידישע קינדער, נאר דורך א שליח און א שר.

משה רבינו איז נישט מסכים בשום אופן

**הערנדיג** אז אידן וועלן ווערן אויס ׳בנים למקום׳ איז משה רבינו ארויס פון די כלים. ווייל פאר משה רבינו האט נישט אזוי ווייט געארט דער עצם זאך אז א מלאך וועט מיטקומען אויף דעם וועג פון דא ביז ארץ ישראל, נאר בעיקר האט אים געארט דאס וואס עס ליגט אונטער דעם! אז אידן וועלן פארלירן זייער נאנטקייט צום אייבערשטן פון זיין א קינד צו א טאטן. דערפאר האט משה רבינו איינגעריסן און געשריגן: ״רבונא דכולא עלמא, ריכטיג טאקע, אז דו מיינסט דא די טובה פון אידן, אז עס זאל זיי נישט שאדטן די בחינה פון ׳וסביביו נשערה מאוד׳, און עס איז טאקע א סכנה ווען מען איז אזוי הויך, אבער וועגן דעם זאלן מיר ווערן אויס ׳קינדער׳? ניין! איך בין נישט מסכים צו דעם! **וְאַתָּה לֹא הוֹדַעְתַּנִי אֵת אֲשֶׁר תִּשְׁלַח עִמִּי**״ - דו האסט מיר גארנישט געזאגט, ווייל דאס הייסט נישט גערעדט! ״**אין אני חפץ בה**״ - איך בין נישט אינטערעסירט אין אזא מין געשעפט! ״**וּרְאֵה כִּי עַמְּךָ הַגּוֹי הַזֶּה**״ - כלל ישראל איז דאך דיין פאלק! ״**שלא תאמר ואעשה אותך לגוי גדול ואת אלה תעזוב**״ - איך בין נישט מסכים אז דו זאלסט אפלאזן די נאנטקייט פון זיין א ׳טאטע׳ צום כלל ישראל! איך קען דאס גארנישט הערן!״.

דיין מיטקומען מיט אונז זאל זיין א תוצאה פון 'בנים למקום'

**ווי** דער אייבערשטער האט געזען דעם מסירת נפש פון משה רבינו, האט ער געזאגט: "**פָּנַי יֵלֵכוּ וַהֲנִחֹתִי לָךְ**" -איך וועל יא מיטגיין מיט ענק. אבער וויבאלד דער אייבערשטער האט צוגעלייגט די ווערטער: '**וַהֲנִחֹתִי לָךְ**', אז ער וועט דאס טון בלויז צוליב משה רבינו, האט משה פארשטאנען, ער וועט טאקע אים נאכגעבן און בפועל מיטגיין מיטן כלל ישראל, אבער ער ציהט נישט צוריק פונעם עצם הנהגה, און עס וועט שוין נישט זיין אויף אן אופן פון 'אב לבנים' נאר פון 'מלך על עבדים'. דערפאר האט ער נאכאמאל איבערגעזאגט: "**אִם אֵין פָּנֶיךָ הֹלְכִים אַל תַּעֲלֵנוּ מִזֶּה**" - אויב דו קומסט נישט מיט מיט אונז, דארפן מיר נישט אזא גאולה! און ער האט מער מסביר געווען זיינע ווערטער און געזאגט: "**וּבַמֶּה יִוָּדַע אֵפוֹא כִּי מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ אֲנִי וְעַמֶּךָ הֲלוֹא בְּלֶכְתְּךָ עִמָּנוּ**" - איך בעט דיר, אז דיין מיטקומען מיט אונז, זאל זיין בלויז א 'תוצאה' פון דעם וואס מיר האבן חן ביי דיר! דורכדעם וואס די שכינה וועט רוען אויף אידן, וועט זיך ארויסווייזן אז מיר זענען דיינע 'קינדער'!".

'דו' מאך זיכער אז מיר זאלן נישט זינדיגן!

**אבער** לכאורה איז דאך נאכאלץ פארהאן דער חשש, אז אויב אידן וועלן זיין אזוי נאנט צום אייבערשטן, וועלן זיי געשטראפט ווערן אויף יעדע קליינע חטא, אין דער בחינה פון 'וסביביו נשערה מאוד', אויף דעם האט משה רבינו געבעטן: "**וְנִפְלֵינוּ אֲנִי וְעַמְּךָ מִכָּל הָעָם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה**" - רבונו של עולם, איין עצה איז דא צו דעם: אז דו זאלסט העלפן אז אידן זאלן נישט דורכפאלן מיט קיין חטאים! דו זאלסט אריינגעבן אין אידן נאכמער קדושה, נאכמער אהבת התורה, נאכמער אהבת ה', נאכמער עבודת ה' במלוא המובן. אזוי ווייט, אז א איד וועט ממש שפירן אז נאר ביי אידן איז דא השראת השכינה! ער וועט ממש שפירן אז ער איז אזויפיל העכער און הייליגער פונעם גוי! און דעמאלט וועט זיך אים נישט פארגלוסטן צו זיין ווי דער גוי! ער וועט נישט וועלן אפילו צורירן צו אן עבירה! פארקערט, ער וועט שפירן ווי ביטער אן עבירה איז! ער וועט שפירן ווי אן עבירה איז מטמטם די הייליגע אידישע נשמה! און דעמאלט וועלן אידן זיך אויפפירן ווי עס דארף צו זיין, און זיי וועלן כסדר ווערן נענטער און נענטער צו דיר!". און ער האט טאקע אויסגע'פועל'ט

פאר אידן; ווי עס שטייט ווייטער: **"גַּם אֶת הַדָּבָר הַזֶּה אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ אֶעֱשֶׂה כִּי מָצָאתָ חֵן בְּעֵינַי"**.

## דברי כיבושין

**היוצא לנו מזה:** וואס מען זעט דא [איז], עס איז נישט פאראהאנען אזא זאך חלילה, ווי זיך אנצורייסן פון אייבערשטן! קיין שום איד ווערט נישט פארפאלן, עס איז נישטא אזא מציאות! יעדער איד איז דער אויג פון אייבערשטן! דאס האט נישט קיין שיעור און עס האט נישט קיין ערך די אהבת ה' צו אידישע קינדער.

**אבער** אויב מען זעט אז עס איז שוואך, מען טוט נישט וואס מען דארף צו טון, [דארף מען] זיך בכח זיך אריינצולייגן אין די קדושה, זיך צו נעמען קדושה נאכמער, נאך א קאפיטל תהלים, נאך א טרער, נאך א מצוה, נאך א צדקה, וועט דער אייבערשטער העלפן, אידן וועלן געהאלפן ווערן.

**נאכדעם** ווי משה רבינו האט דא מתפלל געווען און אויסגע'פועל'ט, טאקע נאך דעם חטא האט ער זיך ערשט אויסגעבעטן משה רבינו, ווייל ער האט געזען וואס [עס] קען ברענגען חלילה [דער] 'אנכי שולח מלאך', [אז] אידן [וועלן] ווערן אויס 'בנים למקום'. האט ער אנגעהויבן ערשט מרעיש עולם צו זיין, "אל תעלנו מזה", נאר "ונפלינו אני ועמך" - אידישע קינדער זאלן ווערן דערהויבן מיט קדושה, און מיט השגות און מיט הרגשות, אז זיי זאלן זיך נישט אנרייסן, נאר אלעמאל זיך צו דערנענטערן צום אייבערשטן נענטער און נענטער.

**דאס** איז דער [מציאות פונעם] איד. ממילא, יעדער איד וואס עס טוט אים וויי, און ער וויל, עס איז 'נדבה לבו' זיך צו דערנענטערן - פון דעם ווערט ווערט א בית המקדש, פון דעם בויעט זיך השראת השכינה.

**זאל** דער אייבערשטער העלפן, מיר זאלן מיר זוכה זיין, אידישע קינדער זאלן דערהויבן ווערן, עס זאל שוין לעכטיג ווערן ברוחניות ובגשמיות, עס זאל שוין ווערן נתגלה כבוד שמים, דער רבי

דער הייליגער פלעגט דאך דאס זאגן ביי יעדע תורה, [אז] עס זאל נתגלה ווערן כבוד שמים. מיר זאלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו, אמן.

## דיבורים וסיפורים - ממה שסיפר תחת השיחים במשך השנים

**הרה"ק רבי יצחק - רבי איציקל סטוטשינער - בן הרה"ק רבי משה מראזוואדאוו זי"ע**
**כ"ד אדר א' שנת ת"ש**

איך האב ליב א רבי וואס בייסט...

**דער** קאלאשיצער רב זצ"ל האט געהאט א תלמיד וועלכער האט זיך אנגעהויבן צו חבר'ן מיט די קאצקער חסידים. און דעם פאטער האט עס זייער געארט, האט ער געבעטן פונעם קאלאשיצער רב, אז ער זאל רעדן מיט זיין זון דערוועגן. האט דער קאלאשיצער רב געפרעגט דעם זון: "וואס עפעס קאצק? וואס איז דארט?". האט יענער געענטפערט: "איך האב נישט ליב א רבי'ן וואס גלעט, איך האב ליב א רבי וואס בייסט!". (דאס הייסט, ער וויל נישט א רבי וואס איז ווייך צום חסיד, נאר א רבי וואס איז שארף און קען ארייגעבן א פסק צום חסיד. און כידוע האט דער קאצקער געריסן שטיקער פון די חסידים). האט אים דער קאלאשיצער רב געענטפערט: "אזוי? נו, קענסטו דאך פארן צו רבי איציקל סטוטשינער?".

ער איז געווען א שארפער און פלעגט רייסן פון זיין עולם...

ביי מיין טיש זאלסטו נישט לערנען...

**ביי** אונז אין בית המדרש (שינאווא) אין בארא פארק האט געדאווענט א איד רבי משה פַאק, ער איז געווען א חשוב'ער איד א סטוטשינער חסיד, האט ער דערציילט אז רבי איציקל סטוטשינער איז אמאל אריינגעקומען צום טיש פרייטאג צונאכט, און עס איז געזעסן דארט א איד און אריינגעקוקט אין א ספר. ווי דער סטוטשינער רב האט

דאס באמערקט, איז ער צוגעגאנגען צו אים, צוגענומען דעם ספר און געלייגט אויפן צווייטן טיש, זאגנדיג: "ביי מיין טיש זאלסטו מיר נישט לערנען!".

דאס דארף מען קענען...

רבונו של עולם, הלוכך תהא בנחת!

**דער** טאטע זכרונו לברכה האט דערציילט, אז אינעם ערשטן שבת נאכדעם וואס דער ראזוואדאווער רב הרה"ק רבי משה'לע זצ"ל איז נסתלק געווארן, האבן די דריי קינדער (דער ראזוואדאווער רב רבי הערשעלע זצ"ל, דער פלאנטשער רב זצ"ל און דער סטוטשינער רב זצ"ל) געפירט צוזאמען טיש. ווען עס איז געקומען צו 'מה ידידות' האט מען נישט געוואוסט ווער צו מכבד זיין דערמיט, ווייל אין ראזוואדאוו איז דאך דער 'מה ידידות' געווען דער 'שפיץ'. האט מען באשלאסן אז מען וועט עס איינטיילן, דער זמר האט דאך זעקס שטיקלעך, האט מען מכבד געווען יעדן איינעם צו זינגען צוויי שטיקלעך. רבי הערשעלע האט געזינגען 'מה ידידות' און 'מערב מזמינים', דער פלאנטשער רב האט געזינגען 'נחלת יעקב' און 'חפציך', און דער סטוטשינער רב האט געזינגען 'הלוכך' און 'מעין עולם הבא'.

**האט** דער טאטע דערציילט, אז ווען עס איז געקומען די רייע פונעם סטוטשינער רב, האט ער אנגעפאנגען אזוי: "**רבונו של עולם, רבונו של עולם, הלוכך תהא בנחת, עונג קְרָא לשבת**". דאס הייסט, אז בפשטות גייט דאך דאס ארויף אויפן איד, אז ער זאל גיין שטאַט שבת - נישט קיין פסיעה גסה - און ער זאל אויסרופן אן עונג פארן שבת (עונג קְרָא לשבת), אבער דער סטוטשינער רב האט עס אויסגעדרייט אלס א תפלה צום אייבערשטן, אז **דו** רבונו של עולם זאלסט זיך פירן מיט א הנהגה פון 'נחת' און רחמים צו אידישע קינדער, וויבאלד דער איד האט אויסגערופן אן עונג פארן שבת.



צמאה נפשי אל ה'...

**דער** ברודער רבי שמואל חיים זכרונו לברכה האט געלערנט אלס בחור אין טורנא. פלעגט ער אריינגיין כמעט יעדן שבת צו רבי איציקל סטוטשינער זצ"ל. פלעגט ער פארציילן און נאכמאכן ווי רבי איציקל פלעגט זינגען שבת בייטאג: "חי ה' וברוך צורי", ער איז

כמעט ארויפגעגאנגען אויפן בענקל פון גרויס התלהבות, און בשעת'ן זינגען האבן אים די טרערן גערינען פון די אויגן.

ליודע מחשבות...

**אין** קראקא איז געווען א משפחה פון סטוטשינער חסידים. איז זייערס א קינד נעבעך ארויס לתרבות רעה רח"ל, און זיי זענען געקומען צום סטוטשינער רב און געבעטן אז ער זאל עפעס טון דא, האט זיי דער רב געזאגט, אז זיי זאלן זען אז דער זון זאל קומען צו אים. אבער פארשטייט זיך, אז ער האט נישט געהאלטן דערביי צו פאָרן צום סטוטשינער רב.

**מאכט** זיך אמאל, אז דער סטוטשינער רב איז געגאנגען אויף דער גאס, און פונקט איז דער יונגאטש אים אקעגנגעקומען און זיך אנגעטראפן אינעם רב פנים אל פנים. נו, אז ער האט זיך שוין געטראפן, האט ער נישט געהאט די חוצפה צו גיין ווייטער - אָן זיך וואוסנדיג מאכן, און בלית ברירה האט ער געגעבן שלום פארן רב, האט דער סטוטשינער רב אנגעהאלטן זיין האנט און אנגעהויבן זינגען (מיטן ניגון פון בבואו מאדום): "ליודע מחשבות, ליודע מחשבות, איי איי איי, ביום דין", מיינענדיג צו מרמז זיין, אז ער ווייסט זיינע מחשבות וואו ער וויל יעצט גיין רח"ל. אזוי האט ער געזינגען עטליכע מאל, און מיט דעם זינגען איז אים אריין א הרהור תשובה און ער איז צוריק געקומען צום ריכטיגן וועג און געווארן א ריכטיגער בעל תשובה.

די חברה האבן געקענט...